25 אײַך קײן אַנדערע לאַסט. דאָך װאָס איר האָט,
26 דאָס האַלט פֿעסט ביז איך װעל קומען. און דער,
װאָס איז מנצח און דער, װאָס היט אָפּ מײַנע מעשׂים,
27 אים װעל איך געבן מאַכט איבער די גוים; און ער
װעט הערשן איבער זײ מיט אַן אײַזערנער רוט, װי
די כּלים פֿון אַ טעפּער װערן צעבראָכן; (תהלים ב׳, ט׳)
װי אויך איך האָב באַקומען פֿון מײַן פֿאָטער; און
28 װעל אים געבן דעם מאָרגנשטערן. װער עס האָט
אויערן, דער זאָל הערן, װאָס דער גײַסט זאָגט צו
די קהלות.

## קאַפּיטל דרײַ

1 און צו דעם מלאך פֿון דער קהלה אין סאַרדעס
שרײַב:
דאָס זאָגט דער, װעלכער האָט די זיבן גײַסטער
פֿון ג־ט, און די זיבן שטערן: איך קען דײַנע מעשׂים,
אַז דו האָסט אַ נאָמען, אַז דו לעבסט, און ביסט טויט.
2 זײַ װאַך, און שטאַרק די איבעריקע, װאָס האַלטן בײַם
שטאַרבן: װאָרום איך האָב נישט געפֿונען דײַנע
3 מעשׂים שלימותדיק פֿאַר מײַן ג־ט. געדענק זשע
װי אַזױ דו האָסט מקבל־געװען און געהערט, און
היט עס אָפּ, און טו תשובה. אויב דעריבער דו
װעסט נישט װאַכן, װעל איך קומען, װי אַ גנבֿ, און
דו װעסט נישט װיסן, אין װעלכער שעה איך װעל
4 קומען איבער דיר. נאָר דו האָסט אין סאַרדעס
אײניקע נעמען, װעלכע האָבן נישט באַפֿלעקט זײערע
מלבושים; און זײ װעלן װאַנדלען מיט מיר אין װײַסן;
5 װײַל זײ זענען ראוי. דער, װאָס איז מנצח, װעט
אַזױ זײַן אָנגעקלײדט אין װײַסע מלבושים; און איך
װעל בשום אופֿן נישט אויסמעקן זײַן נאָמען פֿון
דעם ספֿר החיים, און װעל באַקענען זײַן נאָמען